STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04825

DI MEDEM SANATORYE

Zygmunt Turkow

*Permanent preservation of this book was made possible
by Josephine Fisher
in memory of
Herbert Fisher, M.D. & Margery Ann Fisher*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זיגמונט טורקאָוו

די מעדעם סאַנאַטאָריע

איינאַקטער

פֿון יידיש אויף פּאָרטוגעזיש

איבערגעזעצט — דוד פֿאסבערג

פֿאָררעדע פֿון ד״ר וואַלדעמאַר דע אָליוועירא

1943

רעסיפע

יידיש איבערגעזעצט פֿון פּאָרטוגעזיש — משה לאקיעטש

ריאָ־דע־זשאַניירא 1971

אַרויסגעגעבן דורך דעם ז. טורקאָוו־קאָמיטעט פֿון
בראַזיל און מעקסיקע,
1972

דרוקעריי פֿון מאַנועל פּינטעל, מעקסיקע, ד.פֿ.

Impreso en los Talleres de la
"IMPRENTA MODERNA PINTEL S. A."
Teléfonos: 578-47-53 y 578-04-92
Dr. Garciadiego 28 México 7, D. F.

די מעדעם־סאַנאַטאָריע

אַ ר י י נ פ י ר

אַ האַלבע שעה רייזע פון וואַרשע, אין מיעדזעשין, אין מיט פון אַ פוילישן וואַלד פון הויכע סאָסנע־ביימער, האָט זיך געפונען די „מעדעם־סאַנאַטאָריע״.

געגרינדעט דורך דער „צענטראַלער יידישער שול אָרגאַניזאַציע״ („ציש״אָ) אין פוילן, איז זי נישט נאָר געווען אַ מאָדערנער דערציִונגס־אַנשטאַלט, נאָר אויך אַ פּרעווענטיווע און הייל־סאַנאַטאָריע פאַר קינדער אין עלטער פון 6 ביז 16 יאָר.

איר נאָמען איז געווען געווידמעט דעם אָנדענק פון איר גרינדער וולאַדימיר מעדעם.

אַ דאַנק איר אויסערגעוויינלעכער אָרגאַניזאַציע איז זי זייער גיך געוואָרן באַרימט ווייט אויסער די גרענעצן פון פוילן.

בשעת דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע פון פוילן, האָבן די נאַציס געטראָפן, אין דער „מעדעם־סאַנאַטאָריע״, 250 קינדער, 1 דירעקטאָר, 2 דאָקטוירים, 4 קראַנקן־שוועסטער, 6 לערערס, 1 פאַר־וואַלטערין און 18 פאַרשיידענע ספּעציאַליזירטע טעכניקער.

דער מערדערישער אָנפאַל, וואָס מיר שילדערן דאָ, איז פאָר־געקומען דריי יאָר נאָך דער נאַצישער אָקופּאַציע פון פוילן.

דער מחבר פון דעם איינאַקטער איז דער געוועזענער רעזשיסער פון וואַרשעווער יידישן קונסט־טעאַטער („וויקט״), וואָס פלעגט אָפט באַזוכן די „מעדעם־סאַנאַטאָריע״ אין באַגלייטונג פון אַנדערע יידישע אַקטיאָרן און קינסטלער און איז דאָרט אָפט אויפגעטראָטן מיט דעקלאַמאַציעס און רעציטירט פראַגמענטן פון דער בעסערער יידי־שער ליטעראַטור.

דער לעצטער וועג...

איינאַקטער פון זיגמונט טורקאָוו

וועגן די לעצטע טעג און דעם אומקום פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע דערשינען אין פּאָרטוגעזיש אין בראַזיל

צווישן די שריפטן, וואָס עס האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך דער פאַרשטאָר־בענער יידישער טעאַטער־קינסטלער, רע־זשיסער, אַקטיאָר און שרייבער זיגמונט טורקאָוו, געפינט זיך אַ קליינע פּובליקאַ־ציע אין דער פּאָרטוגעזישער שפּראַך א״נ — "O SANATORIO MEDEM" „די מעדעם־סאַנאַטאָריע״.

די דאָזיקע בראָשור איז דערשינען אין יאָר 1943 אין דער בראַזילישער שטאָט רעסיפע, ווו זיגמונט טורקאָוו האָט זיך אויפגעהאַלטן אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון נאַציש גהינום.

ווי עס האָט אונדז דערציילט אין תל־אביב די שוישפּילערין ראָזאַ טורקאָוו, וועלכע האָט מיטגעמאַכט צוזאַמען מיט איר מאַן דעם מלחמהדיקן וואַנדער־און ליידנס־וועג, האָט זיגמונט טורקאָוו זייער שווער איבערגעלעבט די ידיעות, וואָס זענען אָנגעקומען פון אָקופּירטן פּוילן, און איינע פון זיינע ערשטע רעאַקציעס אויף די דאָזיקע ידיעות איז געווען — דאָס אָנשרייבן אַן איינאַקטער וועגן דער מעדעם־סאַנאַטאָריע און איר טראַגישן סוף. אין רעסיפע, ווו עס האָבן אין יענער צייט געלעבט אַן ערך דריי הונדערט יידישע משפחות פון בעסאַראַביע און פון פּוילן, איז טורקאָוו אויפגעטראָטן מיטן יידישן דראַמאַטישן אַנסאַמבל ביי דער אָרטיקער י.ל. פּרץ־שול, ווי אויך מיטן פּאָרטוגעזישן פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער. זיגמונט טורקאָוו האָט נישט באַוויזן אויפצופירן דעם דורך אים אָנגעשריבענעם איינאַקטער וועגן דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, ווו ער פלעגט אָפטמאָל אויפטרעטן אַלס אַ גאַסט און וועלכע ער האָט — ווי ראָזאַ טורקאָוו דערציילט — זייער שטאַרק ליב באַקומען. אָבער דער דאָזיקער איינאַקטער איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף פּאָרטוגעזיש דורך דעם יונגן מעדיצין־סטודענט דוד פאַסבערג, אַ געבוירענער אין רעסיפע, בראַזיל, אַן אַביטוריענט פון דער אָרטיקער יידישער שול, היינט אַן איינוווינער פון תל־אביב, ווו ער פּראַקטיצירט אַלס דאָקטאָר.

דער איינאַקטער פון זיגמונט טורקאָוו, שטעלט מיט זיך פאָר אַ וויכטיקע ציגל אין דעם ליטעראַרישן דענקמאָל פאַר דעם גרויסן לעבעדיקן ווערק, וואָס האָט זיך גערופן „מעדעם־סאַנאַטאָריע״.

רעדאַקציע

„מעדעם־סאַנאַטאָריע־בוך, 1971, זייט 460״

פֿון איבערזעצער

דער איבערזעצער פֿון פּאָרטוגעזיש דערלויבט זיך — אָפּשאַצנדיק דעם היסטאָריש־קולטורעלן ווערט פֿון ז. טורקאָווס איינאַקטער „די מעדעם סאַנאַטאָריע" — צו מאַכן אַ קליינע דיגרעסיע וועגן דעם, ווי אַזוי די געשיכטע חזרט זיך איבער אין אירע ציקלען סיי לגבי יידן און סײַ לגבי ערטער.

די ערשטע יידן אָדער „נײַע קריסטן" זײַנען געקומען קיין בראַזיל דרײַ יאָר נאָך איר אַנטדעקונג, ד.ה. שוין אין 1503.

טייל פֿרייוויליק און טייל געשיקטע דורך דער פּאָרטוגעזישער קרוין, צו אָרגאַניזירן דעם עקספּאָרט פֿון טייערן האָלץ און צו שאַפֿן באַזעס פֿון דער שפּעדיקער צוקער־ראָר־פּראָדוקציע. די ערשט געקומענע האָבן געגנאָסן פֿון פּריווילעגיעס און ס'זײַנען אויף זיי ניט חל געווען די האַרבע דראַקאָנישע געזעצן קעגן יידן, ווי אין דער מעטראָפּאָליע.

אין 1531 האָט רוים איינגעשטעלט דעם ערשטן אינקוויזיטאָר פֿאַרן פּאָרטוגעזישן קעניגרײַך און אין 1540 איז פֿאָרגעקומען דער ערשטער עפֿנטלעכער אויטאָ־דע־פֿע אין ליסאַבאָן. אַ שטראָם פֿון פֿאַרפֿאָלגטע איז געקומען צו די ברעגעס פֿון בראַזיל, ווו מ'האָט נאָך געלעבט אין אַ רעלאַטיווער פֿרייהייט.

אָבער שוין אין 1591 איז באַשטימט געוואָרן אַ פֿאָרשטייער פֿון דער אינקוויזיציע פֿאַר באַהיאַ, דעמאָלט די הויפּט־שטאָט פֿון בראַזיל.

צווישן די יאָרן 1630־1654 איז אָריינגעטראָטן אַ קליינער אָטעם איבעררייס אין די פֿאַרפֿאָלגונגען און יידן האָבן געמעגט שאַפֿן זייערע ערשטע געמיינדעס.

סוף 1654 האָבן זיך צוריק אָנגעהויבן די אינקוויזיטאָרישע פֿאַרפֿאָלגונגען און דאַן איז פֿון רעסיפֿע אַוועק אַ גרופּע יידן אויף דער זעגל־שיף „יאַלק", וואָס איז געוואָרן פֿאַרהאַלטן אויפֿן דעמאָלט

שפּאַנישן אינדזל יאמאיקע, פֿון דער אַ גרופּע האָבן 23 געהאַט אַ בעסער מזל און זיך דערשלאָגן צו די ברעגעס פֿון ניי־אַמסטערדאַם. (צפֿון אַמעריקע).

די דאָזיקע 23 ייִדן, געקומענע פֿון רעסיפֿע, זײַנען געווען די גרונט־לייגער פֿון דער ערשטער ייִדישער געמיינדע אין ניו־יאָרק.

אין 1940 איז אַ פֿאַרפֿאָלגטער פֿון דער נאַצישער בעסטיע, געקומען קיין רעסיפֿע זיגמונט טורקאָוו מיט זיין פֿרוי ראָזאַ.

דאָרט אין יענער היסטאָרישער שטאָט זײַנען צו אים דערגאַנגען די טראַגישע נייעסן וועגן דער פֿולשטענדיקער ליקווידאַציע פֿון פּויליש ייִדנטום און דאָרט האָט ער אָנגעשריבן דעם איינאַקטער „די מעדעם סאַנאַטאָריע“.

דעמאָלט איז אין בראַזיל געווען אַ דיקטאַטאָרישער רעזשים און ייִדיש איז געווען פֿאַרבאָטן. כדי אָבער צו קאָנען אויפֿפֿירן דעם איינאַקטער, כאָטש מיטן רעסיפֿער ייִדישן יוגנט־קלוב, איז ער פֿון מאַנוסקריפּט, איבערגעזעצט געוואָרן אויף פּאָרטוגעזיש דורך אַ ייִדישן מעדיצין־סטודענט דוד פֿאַסבערג, היינט אַ רופֿא אין רמת־גן.

דער מאַנוסקריפּט און אַלע פּאָרטוגעזישע קאָפּיעס זײַנען דורכן לויף פֿון יאָרן פֿאַרשוווּנדן און פֿאַרגעסן געוואָרן.

אַ דאַנק דער ווּנדערלעכער עקשנות און צודרינגלעכקייט פֿון דעם באַרימטן ייִדישן פּעדאַגאָג און געוו. פֿאָרזיצער פֿון די „צישאַ“ שולן אין פּוילן דעם שרייבער ח.־ש. קאַזדאַן, איז מיט שווערער מי און זוכענישן אָפּגעפֿונען געוואָרן אַן איינציק פֿאַרבליבענער פּאָרטוגעזישער עקזעמפּלאַר, וועמעס איבערזעצונג עס ליגט איצט פֿאַר אייך.

טראָץ אַ גאַנצער רײַ שוועריקייטן פֿון טעכנישן כאַראַקטער האָט דער איבערזעצער, צום גליק, גוט געקאָנט די מעדעם־סאַנאַטאָריע אַלס איינוווינער פֿון אַמאָליקן פּאַלעניץ (נעבן וואַרשע) און אַ דאַנק דעם איז אים לייכטער געווען צוריקצושטעלן געוויסע פֿאַרפֿרעמדטע און פֿאַרגרײַזטע שורות אין דער פּאָרטוגעזישער איבערזעצונג.

נאַטירלעך איז שווער צו זאָגן, צי די איצטיקע איבערזעצונג פֿון פּאָרטוגעזיש האָט רעקאָנסטיטואירט די אָריגינעלע בוכשטעבלעכע ווערטער, פֿון דעם פֿאַרלוירענעם מאַנוסקריפּט, אָבער די בעסטע כּוונה איז געווען.

ס׳איז פֿיזיש שווער און אַפֿילו אוממעגלעך צוריקצושטעלן אַ זאַך אויף איר פֿריערדיקן אָרט געריירט דורך אַ דריטער פּערזאָן.

דער איבערזעצער, האָט טראָץ זײַן טרייִשאַפֿט צום פּאָרטו־געזישן טעקסט, געמוזט ענדערן טייל ווערטער זיי זאָלן זיין טרײַ צו דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, ווי ער האָט זי געקאָנט און ווי ז. טור־קאָוו האָט זי, אָן שום ספֿק פֿאַראייביקט און נישט געקאָנט מאַכן די געהעריקע קאָרעקטורן אין יענער צייט צוליבן נישט קענען קיין פּאָרטוגעזיש.

די אַרבעט איז געמאַכט געוואָרן אויף דער בקשה פֿון ח.־ש. קאַזדאַן, דעם רעדאַקטאָר פֿון דעם מאָנומענטאַלן מעדעם סאַנאַטאָריע בוך און אומדערמידלעכן פֿאַראייביקער פֿון אַלע קולטור־היסטאָרישע ווערטן פֿון פּוילישן ייִדנטום.

ריאָ־דע־זשאַנייראָ, 1971

משה לאקיעטש

פֿאָררעדע צו דער פּאָרטוגעזישער איבערזעצונג

פֿון ד"ר וואַלדעמאַר דע אָליוועיראַ

דער איינאַקטער „די מעדעם־סאַנאַטאָריע", איז נישט נאָר איינע פֿון די פֿיל שאַפֿונגען פֿון דעם, אַזוי גערופֿענעם, פּסי־כאָלאָגישן „קריגס־טעאַטער" — אַן עלעמענט פֿון שלאַכט און אינפֿאָרמאַציע־דינסט — באַגלייט מיטן ראַדיאָ און פּרעסע פֿון אַן אַנטי־קאַמפּס־מענטאַליטעט, נאָר אַ בולטער אויסדרוק פֿון דער מלחמה־אָנשטרענג מצד די קריג־פֿירנדע נאַציעס.

נישט אויסלאָזנדיק פֿון אויג דעם דאָזיקן ציל — מער אייגנטלעך, ווי פּרעמעדיטירט — איז דער איינאַקטער „די מעדעם־סאַנאַטאָריע", אַ קלאָרע און פּשוטע פֿאָרשטעלונג פֿון דער אויטענטישער נאַציסטישער דאָמינאַציע אויף דער פֿרייַער און רום־רייכער פּוילישער ערד; אַ קליינער מוסטער פֿון דער פֿאַרפֿאָלגונג קעגן ייִדן, געפֿירט פֿון זייערע טויט־שׂונאים.

ווען מיר מאַכן אַ גוטן חשבון — זעען מיר — אַז די ייִדישע ראַסע איז תמיד דער „שעיר לעזאַזל" ביַי די ברוּ־טאַלע קאַמפֿן און אַנטאַגאָניסטישע פּאָליטישע טעאָריע פֿון דעם דייטשן „דריטן רייך".

אַ פֿיפֿיקער תירוץ צו קאָנען אָנווענדן די בעסטיאַלע פּרינ־ציפּן פֿון פּאַן־גערמאַניזם.

אַפֿילו אָט די וווּנדערבאַרע אינסטיטוציע, וואָס וולאַדימיר מעדעם האָט געגרינדעט, צו זיין אַ היים און אַ מאָדערנער דערציִונגס־אַנשטאַלט פֿאַר שוואַכע און קראַנקע קינדער — האָט נישט געקאָנט אויסמיידן די פֿוריע און אכזריות פֿון די אינוואַזאָרן, די פֿאַרטיידיקער פֿון ראַסיזם.

באַפֿאַלן, באַרויבט און צעשטערט לויט אַלע כללים און וואַנגעליסטישע מעטאָדן פֿון דעם האַקן־קרייץ.

דער עפּיזאָד פֿאַרשוואַרצט נאָך מער דעם רוצחישן פּרצוף פֿון דער נאַציסטישער פּאָליטיק און באַשײַנט און דערהויבט די מאַרטירערײַ פֿון שאַפֿענס פֿאָטערלאַנד, וואָס זיגמונט טורקאָוו רעפּראָדוצירט אין דעם אײנאַקטער פֿאַרן ברײטן פּובליקום.

פֿאַר אַלעם איז כדאי צו דערמאָנען, אַז זיגמונט טורקאָוו איז דער אויטענטישער פֿאָרשטײער פֿון דער מאָדערנער טעאַטער־קונסט אין פּוילן.

אַן אומפֿאַרגלײַכלעכער קינסטלער, וועמענס טאַלאַנט איז — פֿאַר די, וואָס האָבן ליב דאָס ערנסטע טעאַטער — אײנער פֿון די זעלטענע אוצרות, — וואָס גלויבנדיק אין אַן אַלטן פֿאָלקס־שפּרוך — די קריג האָט געבראַכט קײן בראַזיל.

ווי אַ לעבעדיקער עדות פֿון די נאַצישע רציחות, בעת דער דײַטשער אינוואַזיע האָט ער גלײַכצײַטיק — ווי אַ טאַלאַנטירטער און גײַסטרײַכער קינסטלער — געשאַפֿן אַ ווערק פֿון אַ לעבעדיקן אינטערעס און טיפֿער דראַמאַטישער וויבראַציע, געבנדיק אונדז אַ פּיעסע פֿון בלײַבנדיקע קוואַליטאַטיווע ווערטן פֿון אַן אויסגעצײכנטער טעאַטער שאַפֿונג.

בײַ דער אונטערשטרײַכונג פֿון דעם גליקלעכן סוף — צום אומגליק דער ערגסטער אין דער רעאַלער סיטואַציע פֿון בעסטיאַליטעט, — ווײַל דאָס פֿרײלעכע געזאַנג פֿון די קינדער, אויפֿן סאַנאַטאָריע־הויף, אין זײער גאַנג צום אומבאַוווּסטן, איז דאָס געזאַנג פֿון דער גאַנצער פֿאַרפֿאָלגטער ראַסע, וועמעס שטימעס חוזקן אָפּ פֿון די נאַצישע קוילן און פֿאַרטויבן זײער שיסערײַ מיטן הילכיקן געזאַנג.

קומענדיק פֿון ווײַטע צײַטן טויכן זײ אויף מיטן אָרעאָל פֿון מאַרטירער פֿאַר דער צוקונפֿטיקער וועלט — אַ וועלט אַ בעסערע פֿון פֿרײַע מענטשן.

וואַלדעמאַר דע אָליווערראַ

גטווידמעט די לערערס און שילער

פון דער

מעדעם סאַנאַטאָריע

וולאַדימיר מעדעם

די מעדעם-סאַנאַטאָריע

אַריינפיר

◈◈◈◈◈◈◈◈

באַטייליקטע:

דירעקטאָר פון מעדעם־סאַנאַטאָריע ———————————

לערערין ———————————

חנהלע, אַ שילערין ———————————

מאַריאַנאַ ———————————

שלמה, שניידער ———————————

הער לייטענאַנט ———————————

לערערס ———————————

צוויי געסטאַפּאָ וועכטער ———————————

די סצענע קומט פאָר אין דעם קאַבינעט פון דער דירעקטאָריע. דער דירעקטאָר זיצט, פאַר אים ליגט אַ בוך, ער זעט אויס מיד און אין אַ נערוועזער געשפאַנטקייט.

פלוצעם הויבט ער זיך אויף, גייט צו צום פענצטער און קוקט אַרויס אין דרויסן. זיפצט, ווישט אָפּ דעם שוויס פון שטערן. שפאַנט אַרום נערוועז אַהין און צוריק.

ס׳קומט אַרײַן מאַריאַנאַ (דערשראָקן)

ד י ר ע ק ט אָ ר

ווער איז עס?

מ אַ ר י אַ נ אַ

איך, הער דירעקטאָר... גאָט איז מיט אײַך, ווי איר זײַט עס אויפֿגערעגט...

ד י ר ע ק ט אָ ר (ווענדענדיק זיך צו מאַריאַנען)

וואָס ווילסטו, מאַריאַנאַ?

מ אַ ר י אַ נ אַ

גאָרנישט, כ׳האָב געמיינט, אַז איר האָט זיך אַביסל צוגעלענט...

ד י ר ע ק ט אָ ר

מ׳טאָר נישט שלאָפֿן... זיי קאָנען אָנקומען יעדע רגע...
מ׳מוז זײַן אויף דער וואַך...

מ אַ ר י אַ נ אַ

שוין די דריטע נאַכט, ווי איר שלאָפֿט נישט...
איר מוזט זיין שטאַרק אויסגעשעפּט... איר זײַט דאָך שוין אויס מענטש...

ד י ר ע ק ט אָ ר

מיר אַלע זענען איצט אויס ווי מענטשלעכע שאָטנס...
אָבער נישט אין אונדז גייט עס...
די קינדער! וואָס מאַכן זיי, אָט דאָס איז דער עיקר...

מ אַ ר י אַ נ אַ

זיי שפּילן זיך...

ד י ר ע ק ט אָ ר

זיי שפּילן זיך...

מ אַ ר י אַ נ אַ

און מיט זיי די לערערס...

ד י ר ע ק ט אָ ר

אַלע זײַנען רויִק?

מ אַ ר י אַ נ אַ

יאָ, רויִק... איך פֿיל אַ שווידער אין מײַן גאַנצן לײַב, ווען איך טרעף זיך אָן מיט אַזאַ רויִקייט... אַ רויִקייט פֿון אַ יענער־וועלט... אָן ערנסטקייט, וואָס שלאָגט אַרויס פֿון הייליקע בילדער... די לערערינס, ווי הייליקע און די קינדערלעך, ווי גאָטס מלאָכימלעך... אַ שכינה שוועבט איבער זייערע קעפּע־לעך... ס׳נעמט אָן אַ חשק אַנידערקניען צו זייערע פֿיס, ווי פֿאַרן געקרייציקטן און בעטן מחילה, פֿאַרגעבונג און בענטשונג...

ד י ר ע ק ט אָ ר

אַ פֿאַרפֿאָלגט פֿאָלק צאָלט פֿאַר די חטאים פֿון דער מענטש־הייט...

מ אַ ר י אַ נ אַ

אָבער די קינדער! פֿאַר וועמעס זינד דאַרפֿן באַצאָלן די קינדער?

ד י ר ע ק ט אָ ר

אַ ווילדע חיה באַמערקט נישט דעם חילוק צווישן קינדער און דערוואַקסענע. דער תוך איז בלוט. די מאָס האָט נישט קיין שום באַדייט.

מ אַ ר י אַ נ אַ

גאָט מיינער! ווען וועט צו דעם אַלעם נעמען אַ סוף?
נאָך וויניק בלוט איז אָן שום רחמנות פאַרגאָסן געוואָרן?

ד י ר ע ק ט אָ ר

דו האָסט שוין געזען, ווי עס זויפט אַ שיכור?

די ערשטע כוסה קומט אָן אַביסל שווערלעך, אָבער שפּעטער, וואָס מער ער טרינקט מער דורשט האָט ער און מ׳קאָן אים מער נישט אָפּרייסן ביז ער פאַלט אַנידער...

מ אַ ר י אַ נ אַ

און זיי, די רוצחים?

ד י ר ע ק ט אָ ר

אויך זיי וועלן פאַלן.

מ אַ ר י אַ נ אַ

אָבער ביז וואַנען?...

ד י ר ע ק ט אָ ר

ביז דאַן דאַרפן מיר זיך טרינקען אין אונדזער אייגן בלוט...

מ אַ ר י אַ נ אַ

ניין, ניין... כ׳קאָן דאָס נישט הערן... כ׳קאָן דאָס נישט תופס זיין... מיינע 250 קינדער... כ׳האָב זיי געזען אויפוואַקסן... יעדעם קינד פאַרנעמט אַ ווינקעלע אין מיין האַרצן... ס׳איז צעטיילט אויף 250 חלקים!

...ווי קאָן איך איבערטראָגן אַזאַ שווערע ווונד? ווי אַזוי?

ד י ר ע ק ט אָ ר

אַנדערע וועלן קומען, מאַריאַנאַ...

מ אַ ר י אַ נ אַ

כ׳וויל נישט קיין אַנדערע! נאָר די וויל איך... נאָר די!
פֿאַרוואָס זאָלן די זיין די קרבנות? פֿאַר וואָסער זינד?
ניין, הער דיערקטאָר, כ׳וועל נישט דערלויבן!
מיט מיין גוף וועל איך זיי שיצן!
כ׳וועל זיי די אויגן אויסדראַפּען!
אַ קוואַל פֿון טרערן וועל איך פֿאַרגיסן...
כ׳וועל זיי מאַכן מילדער...

ד י ר ע ק ט אָ ר

יאָ, וואָלטן זיי געהאַט אַ האַרץ, וואָלט נישט נויטיק געווען דאָס וויינען פֿאַר זיי... אָבער ווי ס׳זאָל נישט זיין, דיך וועלן זיי נישט טשעפּען, דו ביסט דאָך אַן אַריערין.

מ אַ ר י אַ נ אַ

דער בלויזער פֿאַקט פֿון נישט ווערן דורך זיי באַעוולהט, מיינט איר אַרט מיך נישט?

ניין, הער דירעקטאָר, נישט אַזוי האָט איר מיך געלערנט! איך האָב געזען, דאָ, מיט מיינע אייגענע אויגן, ווי איר האָט אָן אונטערשייד, מיט דער זעלבער איבערגעגעבנקייט דערצויגן יידישע און קריסטלעכע קינדער... ווילט איר איצט, הייסט עס, איך זאָל ענדערן מיין אופֿן פֿון טראַכטן?

ניין, הער דירעקטאָר, צו טיף זיינען זיך אין מיר פֿאַנאַנדער־געוואַקסן די וואָרצלען פֿון אייערע דערציִונגס מעטאָדן!

גלייך ווי מיינע קינדער האַלט איך זיי!

פֿאַר אַ מוטער איז נישט וויכטיק, וואָסער קינד עס איז, אַ קריסטלעכס, אָדער פֿון אַ געצנדינער... ס׳איז תמיד אַ קינד!

ד י ר ע ק ט אָ ר (נעמט איר אַרום)

מיין טייערע מאַריאַנאַ... די וועלט גייט נאָך נישט אונטער... כל־זמן ס׳וועט ווער זיין, וואָס זאָל אַזוי טראַכטן, ווי דו, איז נאָך אַלץ פֿאַראַן אַ האָפֿנונג פֿאַר דער מענטשהייט... ס׳וועט

לייכטער אויפֿן הארצן... אַפֿילו שטאַרבן איז גרינגער אַזוי...
דאָס הייסט, אַז... נישט אַלץ איז נאָך פֿאַרלוירן... אַז פֿונעם
אַש וועט נאָך אויפֿגיין אַ פֿלאַם... און ס׳וועט זיך באַווייזן אַ
מין מענטש פֿרײַ פֿון רציחות... אַ מענטשלעכער מענטש...
דעמאָלט וועט זיך לוינען צו זיין אַ מענטש... צו זיין אַ גליד
פֿון אַזאַ גרויסער משפּחה, וואָס האָט אַזאַ איידעלע מאַמע...
אַ מאַמע גלייך פֿאַר אַלע קינדער... ווי דו זאָגסט: גלייך פֿאַר
קריסטן און גלייך פֿאַר געצנדינער. גענוג מיט די סענטימענטן!
דײַן אַרט, מאַריאַנע, איז בײַם טויער. ווי נאָר דו וועסט באַ־
מערקן איינעם פֿון זייערע לייט, טו אונדז גלייך צו וויסן.

מ אַ ר י אַ נ אַ

אפֿשר ווילט איר כ׳זאָל אייך ברענגען אַביסל געקאָכט וואַסער?
איר האָט דאָך נאָך היינט גאָרנישט טועם געווען.

ד י ר ע ק ט אָ ר

פֿאַרנעם זיך נישט מיט מיר. דער עיקר זײַנען די קינדער...
יאָ, וואָס מאַכט חנהלע?

מ אַ ר י אַ נ אַ

זי האָט שוין נישט קיין פֿיבער, אָבער האָט נאָך נישט אויפֿ־
געהערט צו וויינען. די לערערין האָט געבראַכט חנהלען צו
מיר אין שטוב, ווייל די קינדער, קוקנדיק אויף איר, הויבן
אויך אָן צו וויינען.

ד י ר ע ק ט אָ ר

דו ווילסט איר ברענגען אַהער?

מ אַ ר י אַ נ אַ

אויב דער הער דירעקטאָר וויל קאָן איך זי ברענגען.

ד י ר ע ק ט אָ ר

זיי אַזוי גוט

(מאַריאַנאַ גייט אַרויס. דער דירעקטאָר גייט צו צום פֿענצטער, קוקט

אַרויס. קערט זיך אום צום טיש, זעצט זיך אַוועק און קוקט אַריין אינעם בוך).

ד י ר ע ק ט אָ ר (לייענט הויך)

„גאָט, דו האָסט אים פאַר אַ משפּט געמאַכט... און דו, פעלדז, האָסט אים צו שטראָפן געשטעלט... דיינע אויגן זיינען צו ריין צו זען שלעכטס און צוקוקן אומרעכט קענסטו ניט... פאַרוואָס קוקסטו צו די, וואָס פעלשן, שווייגסט, ווען דער רשע שלינגט איין דעם, וואָס איז גערעכטער פון אים?״

(ס׳הערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר)

ווער איז עס?

(שלמה קומט אַריין, קוקט זיך אַרום דערשראָקן)

ש ל מ ה

איך, שלמה, באַומרויִקט זיך נישט.

ד י ר ע ק ט אָ ר

וואָס טוסטו דאָ?! זיי האָבן דאָך דיך געקאָנט כאַפּן אויפן וועג...

ש ל מ ה

וואָסער חילוק... וואָלט געווען ווייניקער מיט אַ לעבעדיקן מת... ווען נישט די מורא פאַר גאָט, וואָלט איך זיי פאַרשפּאָרט די אַרבעט... ווי ס׳זאָל נישט זיין זענען אַלע אַנטלאָפן... ווער ווייסט צי ס׳גיט נאָך ווער כאָטש אַ לעבעדיקן זיפץ... איך מיט נאָך עטלעכע בעל־מלאכות, איבערגעלאָזטע... צו נייען פאַר זיי מונדירן... כ׳וואָלט גלייכער געניית פאַר זיך תכרי־כים... האָב איך נישט פון וואָס...

ד י ר ע ק ט אָ ר

נאָך וואָס ביסטו געקומען, שלמה!

נביא חבקוק. קאַפּ. „א״ פּ. 12 און 13

ש ל מ ה

כ׳האָב זיך דערוווּסט פֿונעם אומגליק... פֿונעם דעקרעט... בין איך געקומען אייך ווינטשן... וואָס ווינטשן? איך אַליין ווייס נישט וואָס. ביַים היינטיקן טאָג בעטן מיר אַלע אויף אַ גרינגערן סוף... ניין, ניין, מיר ווינטשן נישט... כ׳האָב באַקומען אַ רעפּט ברויט פֿאַר אַ גאַנצער וואָך אַרבעט, האָב איך עס געבראַכט פֿאַר די קינדער... כ׳ווייס, אַז ס׳וועט נישט סטייען, אָבער לכל־הפּחות וועט עס אַ קאַפּעלע העלפֿן די שוואַכערע... און אפֿשר פֿאַר אייך אַ פּענעץ, אָדער פֿאַר אַ לערערין.

ד י ר ע ק ט אָ ר

מיר דאַרפֿן נישט, אָבער פֿאַר די קינדער נעם איך אָן מיט פֿאַרגעניגן. אַ דאַנק.

ש ל מ ה

דאַנקט מיר נישט, לערער, איך דאַרף אייך דאַנקען, ווייל איר דערלויבט מיר טאָן אַ גוטע זאַך... אפֿשר די לעצטע... איר וועט זיך נישט באַליידיקן... פֿאַר אייך האָב איך אויך עפּעס געבראַכט... דריַי פּאַפּיראָסן... מער האָב איך נישט באַוויזן...

ד י ר ע ק ט אָ ר

דאָס יאָ, דאָס איז פֿאַר מיר וויכטיקער פֿון ברויט! כ׳גיי אוים נאָך אַ פּאַפּיראָס... (פֿאַרויכערט אַ פּאַפּיראָס און פֿאַר־ציט אים טיף). אַך, ווי גוט... כ׳קאָן זיך נישט באַרויִקן... איצט וועט מיר זיין אַביסל לייכטער...

ש ל מ ה

אָבער וואָס וועט זיין דער סוף פֿון דעם אַלעם?...

ד י ר ע ק ט אָ ר

וואָס ס׳וועט זיין מיט אַלע, וועט זיין מיט אונדז... פֿאַרוואָס דאַרפֿן מיר זיין אַן אויסנאָם!

מ׳האָט אונדז שוין אַזוי אויך געלאָזט לאַנג צו רו...

איצט איז געקומען אונדזער ריי... נאָך אַלץ בעסער אַזוי, ווי אַ לאַנגזאַמער הונגער־טויט...

דאָס האַרץ פּלאַצט פֿון ווייטיק צוקוקנדיק זיך, ווי די אויס־געהונגערטע קינדער שלייכן אַרום איבער דער סאַנאַטאָריע...

ש ל מ ה

נאָר דאָס?! און די וועלט שווייגט?!

ד י ר ע ק ט אָ ר

כ׳מיין אַז נישט... עפּעס וועט זיכער געטאָן... נאָר צו אונדז דערגייען נישט קיין שום ידיעות, מיר זײַנען אָפּגעריסן, אָפּגעשלאָסן פֿון דער גאַנצער וועלט... אָבער די וועלט רוט נישט... זי פּרוּווט פּאַמעלעך צו אונדז, ווי מיר זוכן אונטער צו פּרוּוון צו איר... כ׳בין אין דעם זיכער!

ש ל מ ה

אָבער יענער טאָג וועט קומען צו שפּעט...

ד י ר ע ק ט אָ ר

ס׳וועט קיינמאָל נישט זיין צו שפּעט... פֿאַר אונדז יאָ, אָבער מיר זײַנען נישט אַלע... ס׳עקזיסטירן נאָך אַנדערע חוץ אונדז פֿאַר וועמען די רעטונג וועט קומען. זיי נויטיקן זיך אין איר פּונקט אַזוי ווי מיר.

ש ל מ ה

ניין איך בין נישט מסכים... איר אינטעליגענטן געפֿינט תמיד שיינע ווערטער, אַ שיינע אויסטײַטשונג.

איך בין אַ פּשוטער איגנאָראַנט, כ׳לעב מיר אין מיין ווינ־קעלע, זי איז מיין גאַנצע וועלט, מיין גאַנצער אינטערעס.

די וועלט פֿאַר אַנדערע, זאָלן זיך די אַנדערע זי שאַפֿן... וויכטיק איז ראַטעווען מײַן וועלט!

וואָס קאָן מיך אָנגיין, וואָס עס וועט קומען שפּעטער, אַז איך וועל עס סיי ווי נישט דערלעבן.

ד י ר ע ק ט אָ ר

דו זאָגסט נישט וואָס דו פילסט, דו פאַרלייקנסט זיך אַליין, אָט ביסטו אַליין, איצט, אַוועק פון דיין ווינקעלע, האָסט איינגעשטעלט דיין לעבן צו קומען אַהער, כּדי צו קאָנען ברענגען אַ לעבל ברויט פאַר די קינדער.

ביסטו אין אָרדנונג מיט דײַנע רייד?

ניין! ווײַל פּאַקטיש ביסטו אַנדערש, ווי מיר אַלע זײַנען עס. כּ׳פיל זיך דאָ אַביסל מער רויִקער, ווי ערגעץ אַנדערש. אין אַמעריקע צי אין אויסטראַליע לעבן ייִדן פרײַ און ווייסן נישט פון קיין געטאָס, געסטאַפּאָס און מאָסן־מאָרדן...

טאַטע, מאַמע דאַרפן דאָרט נישט גראָבן קיין קברים פאַר זייערע קינדער און נישט בײַזײַן זייער עקזעקוציע... פאַר־קערט, זיי שיקן זייערע זין זיך נוקם צו זיין פאַר אונדז, אָפּווישן די נאַצישע רציחות פון דער ערד און אויסקעמפן אַ בעסערע צוקונפט פאַר דער מענטשהייט. זיי וואַרטן מיט אומגעדולד אויפן זיגרײַכן סוף, כּדי אונדז צו ברענגען הילף, טרייסט און רו. די איבערצייגונג, אַז אַזוי איז עס מאַכט אונדז אַביסל גרינגער דאָס לעבן און אַביסל לייכטער צו שטאַרבן.

ש ל מ ה

גאָט אין הימל, אויב צו שטאַרבן דאַרף איך דאָס אַלץ נישט האָבן.

ד י ר ע ק ט אָ ר

דאָס דאַרפן די רעשטלעך... די געראַטעוועטע...

ש ל מ ה

מעגלעך, איר זײַט נישט נאָר בלויז אַ מענטשלעך וועזן, נאָר איינגאַנצן אַנדערש, ווי מיר פּשוטע מענטשן. איר טראַכט

דערהויבענער, כ׳קאָן אײַך נישט באַגרייפֿן... כ׳פֿאַרשטיי אײַך נישט... ווען זיי רינגלען אונדז אַרום צו כאַפּן, שלעפּן צו שווערער אַרבעט אָדער צו דעפּאָרטירן, טראַכט יעדער פֿון אונדז זיך אויסצובאַהאַלטן, אַפֿילו אויפֿן חשבון פֿון אַ צווייטן, אין אַ לאָך אין אַ גרוב, אַבי צו ראַטעווען דעם אייגענעם גוף... ווער טראַכט אין צווייטן? ס׳איז אַ חרפּה צו זאָגן אַז מ׳האָט נישט אינזינען קיין אייגענעם, קיין קרוב... אַז עס באַפֿאַלט דער פּחד הערט מען אויף צו זען, וואָס עס געשעט אַרום זיך, מ׳זעט נאָר זיך, בלויז זיך, אַן „איך" וואָס שטעלט זיך אַקעגן אַלץ און אַלעם... אָבער איר, לערער, האָט דערגרייכט אַ ריזן הויך... ווי איך זע, דאַרפֿן מיר האָבן גרויס דרך־ארץ פֿאַר אײַך... אַזאַ מענטש איז ווערט אָנצופֿירן מיטן נײַעם דור... מיט אַזעלכע מענטשן, ווי איר, איז גרינגער דאָס לעבן און גרינגער צום שטאַרבן...

ד י ר ע ק ט אָ ר

שלמה, כ׳וואָלט גערן געוואָלט זאָלסט דאָ פֿאַרבלייבן, אָבער זיי קאָנען אָנקומען יעדע רגע און דו ווייסט דאָך שוין יאָ, וואָס עס קאָן דיר געשען.

ש ל מ ה

זיכער ווייס איך... אָבער ס׳איז מיר שוין נישט קיין נפֿקא־מינא... נו גוט, אָט גיי איך שוין... אָבער לערער, זאָגט מיר די וועלט האָט דאָך נאָך נישט בייגעוווינט אַזעלכע רציחות, נישט אמת? ס׳איז דאָך עק וועלט, נישט אַזוי? ערגער, ווי אין סדום, אַ יאָ? אייערע ביכער קאָנען דערציילן פֿון אַזעלכע אומגליקן?

ד י ר ע ק ט אָ ר

האָסט אַמאָל געלערנט די גמרא וועגן נביא הבקוק?

ש ל מ ה

איז דאָ בײַ אונדז אַזאַ נביא?

ד י ר ע ק ט אָ ר

ס'איז דאָ אַזאַ. אין דער אמתן אַ ווייניק באַקאַנטער. איך לייען וועגן אים איצט. הער וואָס ער זאָגט:

—„וואָרום זעט: איך מאַך אויפשטיין די כשדים, דאָס ביטערע און דאָס האַסטיקע פאָלק, וואָס גייט איבער דער ברייט פון דער ערד צו אַרבן וווינונגען ניט זיינע. פאָרכטיק און מוראַדיק איז ער, פון אים אַליין גייט אַרויס זיין רעכט און זיין מאַכט, און פלינקער פון לעמפּערטן זײַנען זיינע פערד און שאַרפער פון אָוונט־וועלף; און זיינע רייטער פאַרשפּרייטן זיך, יאָ, זיינע רייטער קומען פון דער ווייטן. זיי פליען, ווי אַן אָדלער, וואָס איילט צו פאַרצערן; זיי אַלע קומען אויף רויב. דאָס ציען פון זייערע פנימער איז פאָרויס צו און ער זאַמלט, ווי זאַמד געפאַנגענע. און ער שפּאָט פון מלכים, און פירשטן זײַנען אַ שפּילכל ביי אים. ער לאַכט פון איטלעכער פעסטונג, ווייל ער שיט אָן ערד און באַצווינגט זי. דעמאָלט גייט אים אַריבער אַ גייסט און ער טרעט איבער און פאַרשולדיקט זיך. זיין דאָזיקער כוח ווערט ביי אים צום גאָט. —"

ש ל מ ה

אַזוי איז דאָרט געשריבן?

ד י ר ע ק ט אָ ר

אַזוי איז דאָרט געשריבן.

ש ל מ ה

אויף וואָס דייט ער אָן? אויף דעם, וואָס איז אַדורך, אָדער אויף דעם, וואָס דאַרף קומען?

ד י ר ע ק ט אָ ר

אויף וואָס ס'זאָל נישט זיין... וואָס איז געווען און וואָס איז, ביז וואַנען דער מענטש וועט נישט באַזיגן די חיה, וואָס זיצט אין אים... מעגלעך, אַז איצט האָט געשלאָגן די שעה.

(ס'הערט זיך אַ קלאַפּן אין טיר)

— אריין.

ל ע ר ע ר י ן

איר ווילט זען חנה׳לען?

ד י ר ע ק ט אָ ר

יאָ, לערערין, אַ דאַנק. וואָס איז מיט דיר חנה׳לע, דו פֿאַר־שעמסט מיך, אַ גרוים מיידעלע וויינט נישט... דו גיסט אַ שלעכטן ביישפּיל די קלענערע... אמת דו פֿילסט זיך נישט גוט... אָבער אויף דער גאַנצער וועלט איז היינט נישט גוט... שטעל זיך נאָר פֿאָר, ווען אַלע וואָלטן זיך אַוועקגעשטעלט וויינען...

(אויף חנה׳לעס פּנימל גייט אויף אַ קרענקלעכער שמייכל)

ס׳וואָלט געווען קאָמיש, נישט אמת, חנה׳לע? דו וועסט זיך איצט שפּילן מיט די קינדער און זיך טיילן מיטן ברויט...

דאָס האָט שלמה שניידער געבראַכט אַ מתנה.

ח נ ה ל ע

אַ דאַנק, שלמה. (ווענדעט זיך צום דירעקטאָר) בעסער, אַז דער לערער זאָל עס צעטיילן פֿאַר די לערערס... פֿאַר אַלע קינדער איז דער לעבל ברויט צו קליין און פֿאַר די לערערס, וועט עס יאָ גיבן צו פֿענעצלעך...

ל ע ר ע ר י ן

עס, חנהלע, און זאָל דיר זיין צו געזונט.

ח נ ה ל ע

ס׳וועט מיר נישט איינגיין, כל־זמן אַלע קינדער הונגערן.

ל ע ר ע ר י ן

נעמט דאָס ברויט, ה. דירעקטאָר.

ד י ר ע ק ט אָ ר

שלמה, אַ דאַנק. גאָט זאָל דיך היטן. נעם צוריק ס׳ברויט, מיר טאָרן עס נישט עסן... וועסט טרעפֿן געגנוג הונגעריקע אויפֿן הויף.

ש ל מ ה

כ׳קאָן נישט,... דאָס ברויט איז הייליק... הונגעריקע טאָרן עס נישט אָנרירן... זאָל עס דינען, ווי אַ זכר, וואָס גאָט האָט אָראָפּגענידערט צווישן אונדז... (גייט אַרויס האַסטיק).

ד י ר ע ק ט אָ ר

(לייגט אַוועק ס׳ברויט אין אַ זײַט) ס׳וועט דינען, ווי אַ זכר. (חנה׳לע הויבט אָן וויינען) וואָס איז דאָס, חנהלע, אויפֿסניי? האָסט שוין פֿאַרגעסן, וואָס מיר האָבן געשמועסט?

ח נ ה ל ע

לערער, כ׳קאָן נישט... מ׳זאָגט, אַז פֿון וואַרשעווער געטאָ האָט מען אַלעם פֿאַרטריבן? מיין מאַמע איז דאָרטן... מיין ברודער ליגט אין שפּיטאָל אויף אַ טיפֿוס... און איצט אַלע־מען אַרויסגעטריבן... און קיינער ווייסט נישט וווּהין...

ד י ר ע ק ט אָ ר

נישט נאָר פֿון וואַרשע, חנהלע; פֿון אַלע שטעט שיקט מען אַרויס די איינוווינער אין אַנדערע געביטן... אין כמעט גאַנץ אייראָפּע איז איצט אַזוי... מיר דאָ וואַרטן אויך יעדע רגע מ׳זאָל אונדז פֿון דאַנען אַרויסשיקן ערגעצוווּ...

ח נ ה ל ע

זאָל זיין כ׳זאָל זיך נאָך אַזוי אַרום טרעפֿן מיט מיין מאַמינקען?

דירעקטאָר

אַלץ איז מעגלעך, חנהלע, קאָנסט זיך נאָך טרעפֿן מיט דיין מאַמען.

חנהלע

אָך, לערער, כ'וואָלט עס שוין געוואָלט דערלעבן! ס'וועט זיין עסן? ס'וועט זיין באַהייצונג פֿאַר דער שטוב? און זייף?

דירעקטאָר

כ'האָף, אַז יאָ, חנהלע.

חנהלע

(קוקט זיך אַרום מיט שרעק) לערער, די לערערין זאָגט, אַז ס'זיינען נאָך פֿאַראַן אַזעלכע לענדער, וווּ ס'זיינען נישטאָ קיין דייטשן, וווּ מ'גייט אָן מורא אויף די גאַסן, וווּ קינדער עסן ביז זעט, לאַכן און שפּילן זיך, און מעגן האַלדזן די מאַמעס?

דירעקטאָר

זיכער, מיין קינד, ס'זיינען נאָך דאָ אַזעלכע לענדער! ס'איז נאָך נישט אויס וועלט, נאָך פֿאַראַן לעבן.

חנהלע

און די קינדער פֿון דאָרטן ווייסן פֿון אונדזער אומגליק? טראַכטן וועגן אונדז? פּרוּוון אונדז העלפֿן?

דירעקטאָר

זיכער, חנהלע, זיי געדענקען אונדז... ווען זיי גייען שלאָפֿן זאָגן זיי צו זיך אַליין: — „אָך, ווי וואָלטן מיר געוואָלט אָפּטרעטן אונדזערע בעטעלעך פֿאַר די קינדער פֿון געטאָ". ווען זיי עסן זאָגן זיי: — „אָך, ווי וואָלטן מיר געוואָלט טיילן אונדזער מאָלצייט מיט די קינדער פֿון געטאָ!" ווען זיי שפּאַצירן טראַכטן זיי: — „אָך, ווי וואָלטן מיר געוואָלט אַרום-

נעמען די קינדער פון געטאָ און זיך שפּילן מיט זיי"... אַזוי די קינדער, ווי זייערע עלטערן, וואַרטן אויף דער ערשטער מיגלעכקייט צו העלפן אונדז.

ח נ ה ל ע

כ'וואָלט זיי דערפאַר אַלע אויסגעקושט!

ד י ר ע ק ט אָ ר

נו, גיי זשע, חנהלע, צו צו דיינע חברטעס און גיב זיי דעם קוש. זאָל עס זיין, ווי אַן אָנדענק פון יענע קינדער.

ח נ ה ל ע

יאָ, לערער, כ'וועל זיי טאַקע דערציילן פון יענע קינדער! זאָלן זיי אויך זיין צופרידן, אַזוי ווי איך! (לויפט אַרויס).

ד י ר ע ק ט אָ ר

(פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס, גייט אום אַהין און צוריק, קוקט אַרויס דורכן פענצטער, קערט זיך אום צום טיש און באַטראַכט ס'ברויט).

ל ע ר ע ר י ן

ווי איר זענט עס פעיִק צו באַרויִקן אַנדערע... פילט איר זיך באמת אויך אַזוי?

ד י ר ע ק ט אָ ר

וואָס נענטער צום סוף, אַלץ רויִקער בין איך... ווי לאַנג עס איז געווען אַ ברעקל האָפענונג, ווענן אַביסל הילף, אָדער אויף אַ שטיקל נם האָב איך נישט גערוט, איצט, אָבער, ווען ס'איז מער נישטאָ קיין מינדסטע האָפענונג האָט זיך אין מיר גע־שאַפן אַ ניי געפיל, אַ מאָדנע פרייד, וואָס דערהויבט מיך איבער אַלץ.

עפּעס ענלעכס האָב איך געפילט, ווען כ'האָב צום ערשטן מאָל אָנגעטאָן דעם אָרעם־באַנד. כ'בין אַרומגעגאַנגען, ווי אין אַ חלום... דער אָרעם־באַנד האָט מיך דערהויבן און זיי

דערנידעריקט... אזוי האָבן זיך זיכער געפֿילט אונדזערע זיידעס, ווען מ'האָט זיי בשעת דער אינקוויזיציע געפֿירט צו די שייטער־הויפֿנס... אזוי האָבן זיכער געפֿילט די ברוך שולמאַנס און די הירש לעקערטס אויפֿן וועג צום עשאַפֿאָט... אזוי פֿילן זיך די העלדן, וואָס קעמפֿן אויף די שלאַכט פֿעל־דער קעגן די דייטשן... איך באַדויער, וואָס כ'האָב נישט די זכיה און די מיגלעכקייט זיי זיך אַקעגנצושטעלן מיט געווער אין האַנט... דערפֿאַר, וועל איך זיי באַהאַנדלען מיט פֿאַראַכטונג... די סאַדיסטן ווילן זיך מיט אונדזערע ליידן... האָבן אַ הנאה פֿון אונדזער פּיין און פֿון אונדזערע ווייטיק געשרייען... אָבער פֿון מיר וועלן זיי דאָס נישט הערן... זיי וועלן נאָר זען מיין פֿאַראַכטונג, דאָס וועט זיי מער פֿאַר־וווּנדיקן, ווי אַ קויל פֿון בליי...

ל ע ר ע ר י ן

איר דערמאָנט זיך די קינדער־תּפֿילה פֿון קאַרטשאַקן? „גאָט גיב דער וועלט אַ צאַרט פֿילנדיק קינדעריש האַרץ, אַ גוט האַרץ". די דערציִונג האָט באַנקראָטירט... מיר האָבן זיך טועה געווען. אומזיסט האָבן מיר געלערנט די קינדער צו זיין צאַרט און איידל. פֿאַר וועמען? פֿאַר אַ וועלט פֿול מיט וועלף.

מיר האָבן זיי באַדאַרפֿט לערנען, ווי צו שאַרפֿן ציין און נעגל, צו בייסן און דראַפּען! ווי ס'זאָגט זיך אין יענעם ליד: „ווען מ'וועט דיר שפּייען אין פּנים, זאָלסטו ענטפֿערן מיט אַ שפּיי פֿון בליי!"... מיר האָבן זיי דערצויגן. שלעכט דערצויגן!

ד י ר ע ק ט אָ ר

זיי האָבן שלעכט דערצויגן.. אונדזער דערציִונג איז געווען אַ ריכטיקע און, גלויב מיר, ס'איז נישט געווען לאיבוד. אונ־דזער לערע וועט נישט פֿאַרלוירן גיין, פּונקט, ווי ס'וועלן נישט פֿאַרלוירן ווערן די ביישפּילן פֿון אידעאַליזם און מענטשלעכן העראָיִזם, וואָס אונדזער אויסגעפּרוּווט פֿאָלק גיט...

וואָס איז פֿאַראַן נאָך טייערער אין מענטשלעכן לעבן?... די געטלעכקייט? די אייביקייט?... כוח?... מאַכט?... ניין, דער מענטשלעכער גייסט!... ער קאָן בלוטיקן און ליידן, אָבער ער ווערט נישט אונטערגעבראָכן... דערפֿאַר איז ער אייביק. ער שיינט, ווי אַן אָרעאָל איבער אונדזערע מאַרטירער, וועט תמיד לעבן און איבערלעבן אונדזערע שונאים!

ל ע ר ע ר י ן

אַ, טאַקי אַזוי, ווי אמתדיק און ווי הערלעך... אָבער דאָס זײַנען פֿראַזן, נישט מער, ווי פֿראַזן און פֿראַזן... איר זאָגט אַזוי, ווייל איר האָט נישט קיין אַנדער ברירה, ווייל איר ווילט אין זיך דערשטיקן די מורא, וואָס גריזשעט אין די טיפֿענישן, ווי אַ וואָרעם די געדערים.

יאַ אָבער צו וואָס זאָג איך עס!?

מסתם האָט איר רעכט, זיכער איז אַזוי בעסער, ווי זיך איינצוברעכן און פֿאַרלירן די מענטשלעכע געשטאַלט.

איר באַזיצט די מעלה פֿון קאָנען קאָנצענטרירן אין זיך אַזאַ מאָס אַלטרויִזם און נשמה־גרויסקייט, אַזאַ ריזיקן ווילנס־כוח!

ד י ר ע ק ט אָ ר

איך האָב דעם כוח נישט געהאַט, כ׳האָב אים אויסגעשוּלט... איר זענט דאָס אויך מסוגל צו טאָן, יעדער פֿון אונדז קאָן עס טאָן, מ׳דאַרף בלויז האָבן ווילן.

ל ע ר ע ר י ן

קיין ווילן פֿעלט מיר נישט, וואָס מיר טוט וויי, איז דער באַ־וווּסטזיין פֿונעם פֿאַקט, אַז כ׳בין אַ פֿאַרמשפּטע...

ווען... אַ, כ׳ווייס, אַז ס׳איז נישט שיין, כ׳ווייס, אַז סאיז קליינלעך און עגאָיִסטיש, אָבער כ׳קאָן זיך נישט באַהערשן...

דאָס טוט מיר וויי, דאָס ערגערט מיך און לאָזט מיך נישט צורו...

ד י ר ע ק ט אָ ר

וועגן וואָס רעדט איר?

ל ע ר ע ר י ן

אין אַן אַנדער צײַט, וואָלט איך זיך פֿאַרשעמט מיט אַן ענ־לעך געפֿיל, אָבער איצט... אפֿשר איז עס מײַן לעצט פֿאַר־טרויען זיך... דערפֿאַר וועל איך פֿאַר אײַך עפֿענען מײַן האַרץ...

איר האָט פֿריער אײַנגעשטילט חנהלען און איר דער־ציילט, אַז קינדער, ווי זי, פֿון די פֿרייע לענדער, פֿילן אונדז מיט און טיילן אונדזער פּײַן און טראַגעדיע... איר האָט עס געמיינט ערנסט?

ד י ר ע ק ט אָ ר

פֿאַרוואָס נישט?

ל ע ר ע ר י ן

דאָס איז דאָך שרעקלעך! ס'איז אַ פּשוטער ליגן! זיי פֿילן אונדז לחלוטין נישט מיט! זיי קאָנען אַפֿילו נישט באַגרײַפֿן, וואָס דאָ קומט פֿאָר. זיי האָבן אויפֿגעשטעלט אַ הויכע מויער אָפּצוטיילן זייער וווילזײַן פֿון אונדזערע ליידן!

ד י ר ע ק ט אָ ר

וואָסערע מאָדנע געדאַנקען זײַנען עס, ווי קאָן מען אַזוי ריידן!

ל ע ר ע ר י ן

כ'האָב געהאַט באַווײַזן... כ'האָב זיי צעריסן... זיי האָבן מיר געשטאָכן די אויגן און געלעכערט ס'האַרץ... בריוו פֿון מײַ־נע קרובים אין אַמעריקע... דעמאָלט האָט די פּאָסט נאָך פֿונקציאָנירט... פֿון די בריוו האָט אַרויסגעשלאָגן אַ קוואַל פֿון פֿריילעכקייט... אַ נישט געשטערטע רו פֿון מענטשן אין זיכערקייט; אַן אַראָגאַנטישער טאָן פֿון פּריווילעגירטע קעגן

פֿאַרמשפּטע... אַ קינד האָט באַשריבן, ווי ס׳האָט זיך פֿריי־לעך פֿאַרווײַלט אין דער נאַכט פֿון ניי־יאָר, ווי ס׳האָט לוס־טיק געטאַנצט אַרום דעם ניטל־בוים.

כ׳בין זיכער, אַז די מוטערס, דאָרטן, ווילן אַפֿילו נישט, אַז די קינדער זאָלן זיך עפּעס דערוויסן וועגן אונדזער מצב, ווײַל אַנישט קאָנען זיי, חלילה, נאָך פֿאַרלירן דעם אַפּעטיט... דאָס לעבן דאָרט גייט זיך נאָרמאַל, ווי ס׳וואָלטן נישט עק־זיסטירט קיין היטלערס און ס׳וואָלטן נישט געווען קיין געטאָס, ווי ס׳וואָלטן נישט געוואָרן געמאָרדעט מיליאָנען אומבאַשיצטע מענטשן, ווי ס׳וואָלט נישט געשטאַנען אין קאָן דער גורל פֿון דער מענטשהייט און אויך זייער אייגענער גורל....

דירעקטאָר

איז וואָס־זשע וואָלסטו געוואָלט, זיי זאָלן זיך באַגראָבן לע־בעדיקערהייט? דאָס וואָלט דיר געבראַכט אַ פֿאַרלייכטערונג?

לערערין

פֿאַרוואָס זאָלט איר אַזוי רעדן?! איר שעמט זיך נישט...

איר ווייסט דאָך יאָ, וואָס איך מיין... כ׳געדענק, ווען כ׳בין נאָך געווען אַ קינד און באַדאַרפֿט באַלייגן דעם עקזאַמען. מיט אַ צייט פֿריער בין איך שוין אַרומגעגאַנגען אומרויִק, נישט צוליב מורא — כ׳בין געווען גוט צוגעגרייט — נאָר צוליב דער בלויזער געשעעניש גופֿא.

כ׳דערמאָן זיך די ערנסטקייט און דעם פּאָרכט, וואָס האָט זיך געפֿילט, אין אונדזער שטאָט, ערב יום־כּיפּור...

טאַקע דאָס בין איך אויסן. די וועלט שטייט פֿאַרן „טאָג פֿון גערעכטיקייט". איר גורל איז אין קאָן, איין מיליגראַם קאָן, איין מיליגראַם קאָן איבערציִען די וואָגשאָל אויף דער צווייטער זייט און פֿאַרווירקלעכן די נביאות פֿונעם קאַני־באַל: זיין „נייע אָרדנונג" פֿאַר די קומענדיקע טויזנט יאָר.

קאָן מען בלייבן גלייכגילטיק פֿאַר אַזאַ „טאָג פֿון גערעכטי־קייט"?

ד י ר ע ק ט אָ ר

(שמייכלט) מיין טייערע חברטע, אויפֿן סמך פֿון איין בריוו קאָן מען נישט פֿאַרמשפּטן קיין כלל... און ווען ס'וואָלט יאָ אַזוי געווען איז וואָס?

נאָך היינט עקזיסטירן, אין האַרץ פֿון אייראָפּע, די אַזוי גע־רופֿענע, „נייטראַלע לענדער" נו, דאַרפֿן דערפֿאַר די זעלנער פֿון די אַלירטע פֿעלקער אויפֿהערן צו קעמפֿן? נייטראַליטעט איז דאָס זעלבע ווי אינדיפֿערענץ, ביידע זײַנען אַ שאַנד. די שאַנד וועט תמיד זיין אויסגעקריצט אויף זייערע שטערנס. אָבער נישט זיי זײַנען דער ביישפּיל און נישט דאָס איז דער עיִקר. ס'וויכטיקסטע איז צו באַזיגן דעם שונא. אויב קאָנען מיר עס נישט טאָן מיט קיין געווער, דאַרפֿן מיר עס טאָן מיט אַנדערע מיטלען!

ביז הײַנט האָבן מיר געפּרעדיקט יושר און גערעכטיקייט אויף אַ טעאָרעטישן אופֿן, הײַנט האָבן מיר אַ מעגלעכקייט עס צו באַווייזן אין דער פּראַקטיק.

דער באַוווּסטזיין, אַז כ'האָב אַ מאָראַלישן חוב, איז פֿאַר מיר ווי אַ הייליקייט. דאָס געפֿיל פֿון טיפֿער אחריות, וועט נישט פֿאַרלוירן גיין ביז מיין לעצטן אָטעם־צוג!

(ס'לויפֿט אַרײַן מאַריאַנאַ)

מ אַ ר י אַ נ אַ

זיי זײַנען געקומען! אין צוויי לאַסט־אויטאָס! וואָס דאַרף מען טאָן מיט די קינדער?

ד י ר ע ק ט אָ ר

די קינדער זײַנען אין גאָרטן?

מ אַ ר י אַ נ אַ

יאָ.

ד י ר ע ק ט אָ ר

(צו דער לערעריז)
פֿיר זיי אַריין אין גימנאַזיע.

ל ע ר ע ר י ן

גוט.

ד י ר ע ק ט אָ ר

באַרויִקט זיך, זײַט אַזוי גוט, מיר דאַרפֿן זיי גיבן אַ ביישפּיל.

ל ע ר ע ר י ן

יאָ, כ׳ווייס.
(גייט אַרויס)

מ אַ ר י אַ נ אַ

וואָס וועט זיין, הייליקע מוטער...?

ד י ר ע ק ט אָ ר

מאַריאַנאַ! כ׳קאָן האָבן צוטרוי צו דיר?

מ אַ ר י אַ נ אַ

פֿאַרשטענדלעך, וואָסער פֿראַגע?!

ד י ר ע ק ט אָ ר

אין קעלער, אונטער די שטיגן ליגט באַגראָבן דער ארכיוו. ווען מ׳וועט דאַרפֿן... וועסטו אָנווייזן ס׳אָרט.

מ אַ ר י אַ נ אַ

אָך זאָגט עס נישט, איך אַליין וועט עס נאָך טאָן... איר וועט זען מיינע רייד...

(ס׳עפֿנט זיך פּלוצים די טיר און ס׳קומט אַריין האַסטיק דער „העל לייטענאַנט" באַגלייט פֿון צוויי געסטאַפּאָ זעלנער פֿון הינטן).

ל י י ט ע נ אַ נ ט

(קוקט זיך אַרום און ווענדעט זיך שטרענג צום דירעקטאָר) —
— ווער ביסטו?

ד י ר ע ק ט אָ ר

איך בין דער דירעקטאָר . . .

ל י י ט ע נ אַ נ ט

ווער ביסטו? אַ דירעקטאָר? אַ דרעק ביסטו... פאַרשטאַנען?
(דער דירעקטאָר ענטפערט נישט. דער לייטענאַנט נאָך שטרענגער)
— פאַר־שטאַ־נען?

ד י ר ע ק ט אָ ר

יאָ...

ל י י ט ע נ אַ נ ט

וויפל פליי זײַנען דאָ פאַראַן?

ד י ר ע ק ט אָ ר

דאָ איז ריין... מיר האָבן נישט קיין פליי!...

ל י י ט ע נ אַ נ ט

יידישע קינדער זײַנען פליי! פאַר־שטאַ־נען!
(דער דירעקטאָר שווייגט)

פ אַ ר ־ ש ט אַ ־ נ ע ן !

ד י ר ע ק ט אָ ר

ניין.

ל י י ט ע נ אַ נ ט

אַזוי, אַהאַ?... דו ביסט אַ העלד... גוט... איצט האָב איך נישט
קיין צײַט פאַר דיר... וויפל יידישע קינדער זײַנען דאָ פאַראַן?

ד י ר ע ק ט אָ ר

250

ל י י ט ע נ אַ נ ט

צעטייל זיי אין צוויי גרופּעס. זאָלן זיי מאַרשירן צו פינף אין אַ ריי. — 125 קעפּ אויף יעדן לאַסט-אויטאָ.

מ אַ ר י אַ נ אַ

וואָס ווילט איר טאָן! האָט רחמנות, דאָס זיינען מענטשלעכע וועזנס! האָט רחמנות!

ל י י ט ע נ אַ נ ט

(צו די געסטאַפּאָ לייט)

נעמט זי אַוועק פון דאַנען, און פאַרמאַכט איר דעם פּיסק! (ביידע סאָלדאַטן שלעפּן זי אַרויס אין דרויסן).

מ אַ ר י אַ נ אַ

(אַמפּערנדיק זיך מיט זיי)

— פאַרשאָלטן זאָלט איר זיין, אַנטי קריסטן! אַ חורבן זאָל אויף אייך קומען! אַ מפּלה אויף אייך אַנטי-קריסטן!

(די סאָלדאַטן שלעפּן זי אַרויס אין דרויסן. איר קול רייסט זיך איבער, מ'הערט דאָס פאַלן פון אַ קערפּער. די סאָלדאַטן קערן זיך אום).

ל י י ט ע נ אַ נ ט

(צום דירעקטאָר)

— וואָס וואַרטסטו? האָסט אויך עפּעס אַ מכה צו שיקן אויף אונדז?

ד י ר ע ק ט אָ ר

וואָס וועט זיין מיט די לערערס?

ל י י ט ע נ אַ נ ט

די לערערס בלײַבן דאָ.

ד י ר ע ק ט אָ ר

די לערערס וועלן נישט פֿאַרלאָזן די קינדער.

ל י י ט ע נ אַ נ ט

וועט זיין ערגער פֿאַר זיי. זיי האָבן אַ שאַנס און קאָנען אים אויסניצן.

ד י ר ע ק ט אָ ר

די לערערס ווילן באַגלייטן די קינדער.

ל י י ט ע נ אַ נ ט

אין וועמעס נאָמען רעדסטו?

ד י ר ע ק ט אָ ר

אין נאָמען פֿון די לערערס

ל י י ט ע נ אַ נ ט

רוף אַרײַן די לערערס

ד י ר ע ק ט אָ ר

(עפֿנט אויף די טיר)

— לערערס, קומט אַרײַן.

(ס'קומען אַריין די לערערס)

ל י י ט ע נ אַ נ ט

דאָס זײַנען אַלע?

ד י ר ע ק ט אָ ר

אַלע.

ל י י ט ע נ אַ נ ט

איר האָט אויטאָריזירט אָט דעם ייִדן צו רעדן אין אײַער נאָמען?

אַלע — יאָ.

ל י י ט ע נ אַ נ ט

יאָ, הער לייטענאַנט, זאָגט מען!
יאָ, הער לייטענאַנט.

ד י ר ע ק ט אָ ר

זיי ווילן אונדז צונעמען די קינדער. דאַרפֿן מיר זיי דאָס לאָזן און בלײַבן דאָ?

אַ ל ע

מיר ווילן נישט.

ד י ר ע ק ט אָ ר

ווילט איר גיין מיט די קינדער?

אַ ל ע

יאָ, מיר ווילן.

ד י ר ע ק ט אָ ר

אַפֿילו ס׳זאָל זיין צום טויט?

אַ ל ע

אַפֿילו ס׳זאָל זיין צום טויט.

ל י י ט ע נ אַ נ ט

אויב אַזוי מאַרשירט, אומווערדיקע! צו פֿינף אין אַ ריי! מאַרש!

ד י ר ע ק ט אָ ר

קומט, חברים, מיט די קינדער! מיר האָבן זיי געלערנט צו לעבן ווי מענטשן, און איצט וועלן מיר זיי לערנען צו שטאַרבן ווי מענטשן!

(גייען אַרויס).

ל י י ט ע נ אַ נ ט

אומוווירדיקע באַנדע!

(דערזעט דאָס ברויט אויפֿן טיש).

זעט נאָר ברויט! אַ פֿאַלש פֿאָלק! ס׳לאַנד הונגערט און זיי מאַכן זיך דאָ אַ שפּייכלער מיט ברויט.

(וואַרפֿט אַוועק ס׳ברויט)

ייִדיש ברויט! ס׳עקלט!

(פֿון גאָרטן הערט זיך דאָס געזאַנג פֿון די קינדער).

ל י י ט ע נ אַ נ ט

(לויפֿט צום פֿענצטער)

— וואָס איז דאָס? ווער זינגט עס?

(דאָס געזאַנג ווערט שטאַרקער)

פֿאַרמאַכט די מיילער! שטיל!!

(דאָס געזאַנג ווערט אַלץ שטאַרקער. דער לייטענאַנט כאַפּט אַרויס דעם רעוואָלווער און שיסט אויס אין דער ריכטונג פֿון גאָרטן)

ש ט י ל ! ש ט י ל !

(שיסט ווייטער)

דאָס געזאַנג שטייגט איבער דעם הילך פֿון דער שיסעריי און עס הערט זיך דאָס קרעפֿטיקע זינגען פֿון אַ פֿריילעך ליד.

(פֿאָרהאַנג פֿאַלט).

ס ו ף